Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ṿinṭer

Brenner, Yôsēf Ḥayyîm
ברנר, יוסף חיים

Ṿarshe, 1936

ד

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8203

Visual Library

# ד

און נאָך אַלץ, אָדער, ריכטיקער, אַ דאַנק דעם אַלעמען, איז געוואָרן די השגחה פון מיין פאָטער אויף „זיין שטאַרקסטן זכות אין לעבן" אַ שטאַרקערע און אַ שטרענגערע. ער האט גענומען שאַרף אַכטונג געבן אויף אַלע מיינע טריט, אויף אַלע מיינע גענג; ער האט מיר קיין רו נישט געגעבן...

ער פלעגט מיך האַרב באַשטראָפן אויף יעדן שריט, צוליבן מינדסטן וואָרט, צוליב יעדער מינע, וואס איז אים נישט געפעלן. אַלע קוקן אויף מיר, אַלע אינטערעסירן זיך מיט מיר — און איך מוז אָפּציילן מיינע טריט, זיין ריין פון יעטוועדן פלעק. נאָך עפּעס: ער האט פון מיר פאַרלאַנגט רק צו באַווייזן וואונדער, מבטל צו מאַכן מיט מיין אויסצייכענען זיך אַנדערע, אָבער איך טאָר דערביי חלילה נישט זיין אַנדערש ווי סאיז אָנגענומען. איך מוז זיין גלייך צו אַלעמען — און זיי איבעריאָגן. ער פלעגט מיך רודפן אַלעמאי איך בין נישט אויפמערקזאַם אויף מיינע מלבושים, אַלעמאי איך בין אַ פאַרטראַכטער. דאס דאַרף מען נישט !..

אין חדר בין איך געוועזן דער שעיר לעזאזל פאַר די זינד פון די באַלעבאַטישע קינדער, אויף וועלכע מיין טאַטע האט מורא געהאט אויסצולאָזן זיין כעס. הירשקע דעם גבאיס זון קען נישט דעם וואָך-שיעור, אָבער ער האט אַ מאמע, וואס רופט זיך „שימקע קאָזאַק"; דערפאַר פאַלט אויף מיין קאָפּ דער נקמה-ברען אין דער פאָרם פון אַ רעגן קלעפּ.

אין בית־מדרש האָט זיך פון מיר געפאָדערט, כ'זאָל
ארויסווייזן סימנים פון גרויסקייט און אָפּגעזונדערטקייט.
כ'האָב מיך איינמאָל באַנאַרישט און נישט אויסגעהערט פון
חומש דאס לייענען פון אָנהויב ביזן סוף — און שוין שטייען
אַלע און האָבן פאַרגעניגן פון דער סצענע, ווי דער טאַטע
מיינער, פול מיט פאַנאַטישן גרימצאָרן, לערנט מיך מיט דער
פויסט גאָטספאָרכטיקייט. די יינגלעך אַרום לאַכן אויפן קול,
און איך שטיי אַ פאַרשעמטער און באַליידיקטער. איך בין אינ-
גאַנצן באַלייגט מיט בלוטזויגערישע פּיאַווקעס...
מיינע חברים פלעגן זיך תּמיד פרייען מיט מיין אומ-
גליק, זיי פלעגן ליבהאָבן זיך מיט מיר צו רייצן, אַ שטאָך
געבן, אָפּשפּעטן פון מיין אויסזען, פון מיין גאַנג, פון מיינע
תּנועות, וואס איך אליין האב זיי מיר פאַרעכנט פאר אַ גרויסן
פאַרברעכן. מפלעגט מיר געבן כלערליי מיאוסע צונעמעניש ן:
„זיידע", „אַלטער בטלן"... איך בין געווען אַ „נישט זייעריקער"
אַ פרעמדער, איינער, וואס מישט זיך נישט אין זייערע אַרומ-
יאָגענישן און שפּילערייען. און שרייבנדיק דידאָזיקע פראַג-
מענטן, דערוואכן און לעבן־אויף ביי מיר אין זכרון אַ סאַך
בילדער פון אונזערע מלחמות און קריגערייען, אָדער, ריכטיקער,
בילדער פון זייערע „ר ד י פ ו ת", וועלכע זענען געווען פול
מיט אַ ביטערער קינדערשער אכזריות...
דאָן האט זיך ביי מיר באַשאפן, ווי געוויינלעך, יענע
פאַרבאָרגענע גאוה, די באַגראָבענע, די קרענקלעכע, די פיי-
ניקנדיקע, די גאַוה וואס איז צוזאַמענגעמישט מיט אַ שרעק-
לעכער ברענענדיקער קנאה: „אַ וודאי! זיי זענען „גויים", זיי
ווילן שוין אויף אייביק פאַרבלייבן דאָ, זיי וועלן זיין אַזעלכע
פּשוטע קרעמערס, ווי זייערע טאַטעס... אָבער איך?.. איך וועל
פאָרן אין דער ליטע, אין אַ ישיבה... איך שטייג איבער זיי אַלע!..
מיין קליינער אין מיר איז זיי מקנא — זיי די פריילעכע,
די שיינע שפּילערס, און זיין צווייטער קליינער חבר האַלט

זיך גרויס לגבי זיי, קלאַמערט זיך אין זיין שטאָלץ און שטאַרקט אים: „איך וועל דאָך זיין... נישט גלייך צו זיי! מיך הייסט מען, איך זאָל מיט זיי איין חזרן, איך בין דער בעסטער אין חדר, דער מתמיד“...

מיין באַגער צו לערנען איז, אמת, געווען אַ נאַטירלעכער אין אַ געוויסער מאָס, ר'איז אַרויסגעפלאָסן פון מיין ערנסטן, רעליגיעזן כאַראַקטער; אָבער די הויפּט-סיבה דערצו איז געווען מיין יאָגן זיך נאָך לויב, מיין באַמיען זיך צו קריגן אַ נאָמען —

„לערנען“!.. די למודים זענען געווען די פּרטים פונם בוי פון בית-המקדש, דינים פון קרבנות און נגעים מיט לאַנגע „רשי׳ס“, פאַרדרייטע און אומפאַרשטענדלעכע פסוקים פון ספר איוב, אויסטערלישע סוגיות, אָן שרייבצייכנס, געלערנט אויף אַ משוגנהדיקן זשאַרגאָן...

איצט, פאַרשטייט זיך, איז מיר אוממעגלעך אַריינצודרינגען אין תוך פון מיין גייסטיקן צושטאַנד אין יענער צייט. איצט דאַכט מיר, אז מיין התמדה איז תמיד געווען אַן אויסערלעכע, פאַר לייטן-וועגן בלויז: די ליפּן פלעגן זיך באַוועגן און די מחשבות מיינע זענען געווען ווייט פון די „צרעת מיט די נגעים“. אָבער סקען זיין, אז איך האַלט אזוי, נאָר דערפאַר וויל מיר איז איצט אוממעגלעך צו פאַ־שטיין די מעגלעכקייט פון קיין מיט איבערגעגעבנקייט דאס דאָזיקע גאנצע שטרוי, און איך פארגעס דעם כוח פון דער השפעה פון דער סביבה, דעם כוח פון געוואוינשאפט — און דעם כוח פון דער כינעזישער מויער, וואס דריקט אויף אַ יונג קינד.

סאיז דאָך, אמת, נישט אלץ געווען אָן אַ טעם און אָן אַ זין. סאיז געווען אויך אַ ביסל שפּייז פאַר מיין נשמה. די בראשית-מעשיות פון דער וועלט-באַשאפונג... וועגן די ריזן... ווי אברהם ווערט אַריינגעוואָרפן אין קאַלכאויוון צוליב זיין יידישקייט... ווי יעקב ראַנגלט זיך מיט עשיו׳ס שר... ווי די

יידן ווערן אויסגעלייזט פון מצרים דורך משהן... און אפילו די אלע טרוקענע געזעצן פארמאָגן דאך אויך אַ ווערט פון תּורה. אַלץ איז דאָך געגעבן געוואָרן משהן אויפן באַרג סיני; אלע ווערטער וואס אין אלע ספרים, ווי אין די אַמאָ-ליקע אזוי אין די לעצטע, אלע תּגין, אלע פינטעלעך, אלע אותיות, וואס אין דער הייליקער תּורה, — אלץ איז דאָך הייליק און פּאָרכטיק, אלץ איז פול מיט שרעקלעכע סודות און מיט טיפע געהיימנישן, אין אַלץ געפינט זיך די גאנצע חכמה פון דער וועלט, אלע פארשיידענע מדרגות, וואס דער מענטש קען דערגרייכן... דאס איז אַלץ!.. און ווי גליקלעך און ווי אויסגעצייכנט זענען יענע, וועלכע האבן זוכה געווען דער-מאָנט צו ווערן אין דער תּורה גופא! עשיו, לבן, בלעם — אפילו דידאָזיקע רשעים האָבן דאָך עפּעס אַ ספּעציעלן, גראַנ-ציעזן אויסוען, אפילו זיי האָבן דאָך עפּעס פליגלען!

מיין באַציאונג צו דער וועלט איז געווען דער סימבאָל פון ערנסטקייט. אַלץ האָב איך באַטראַכט מיט דער גאַנצער טיפקייט פון מיין נשמה, וועלכע איז תּמיד געווען אָפן, גרייט אויפצונעמען איינדרוקן. יעדער קליינער שינוי אַרום מיר, יעדער קליינער פאַקט האָבן אין מיר דערוועקט מחשבות. די וועלט — איז אַ פּאָדערהויז, וואס איז שווער דורכצוגיין צוליב דער שרעקלעכער מלחמה, וועלכע מ׳מוז דאָ פירן מיט דער טומאה, מיט דער קליפה, מיטן יצר־הרע. דער מענטש — איז אַ זעלנער. אַלע הייליקע ספרים, וועלכע זענען פאַראן פיל אָן אַ צאָל, לערנען וויאזוי אלץ מנצח צו זיין און אַריינצוקומען אין פּאַלאַץ אַריין. די מלחמה־סטראַטעגיע—דאס זענען די מצוות.

אָן מצוות האָב איך מיר גאָרנישט געקענט פאָרשטעלן דאס לעבן בכלל. איך פלעג האָבן גרויס רחמנות, ווען איך פלעג טרעפן עפּעס אַ „גוי“. ווי אומגליקלעך איז דאס דאָזיקע באַשעפעניש! עס מאַטערט זיך אָן אַפרוּ, עס זייט, שניידט,

אַרבעט, פרעסט, זויפט, און מן-הסתם פעלן עס קיין צרות אויך נישט, און סוף־כל־סוף וואס? צום סוף שטאַרבט עס — און אלץ איז פארשוואונדן ווי מיטן רויך. אנדערש איז מיט דעם ייד, מיט אַ גוטן ייד, אַ ייד „בבחינת מוח", וואס די גאנצע וועלט איז באַשאפן געוואָרן פונזיינעטוועגן, וואס ער איז דער איינציקער צענטראַלער פונקט, וואס זיין גאַנץ לעבן איז מכוון בלויז צו טאָן דעם ווילן פון זיין באַשעפער און זיך מתדבק זיין אין אים... דער צדיק איז דער תכלית פון דער וועלט. גאָט, ברוך הוא, האט איינגעזען, אז צדיקים זענען פאַראן ווייניק, האט ער גענומען און האָט זיי פאַרפלאנצט אין יעדן איינציקן דור. און איך, נו, ווען איך, למשל, וואָלט מיך באַמיט צו זיין אזא צדיק ווי ר' נחמן בראַסלאָווער?.. ניין, ווייזט אויס, אז מדארף געבוירן ווערן אַ צדיק, מדארף ארויסקומען אויף דער וועלט האָבנדיק אַ גרויסע נשמה... אַי, מיר לערנען דאָך: „הכל בידי שמים, חוץ מיראת שמים"? איז דערפון געדרונגען, אז דער מענטש איז אַ בעל־בחירה און אפילו א קנעכט און א דינסט קענען דערגרייכן צו דער מדרגה פון משה רבינו — — — האַ?

דער עיקר איז, א מענטש דארף זיין אן עָניו, ער דארף זיך שעמען פאר זיין באשעפער, ער דארף געדענקען, אז ער איז אַ ווערמל, אז ער קומט ארויס פון א טפה סרוחה, אז ער איז אן ערדישער גוף... און דערדאָזיקער געדאנק האט זיך ביי מיר באַזעצט צוזאמען מיט דער אמונה, אז דער מענטש איז דער אויסדערוויילטער פון אלע באשעפענישן, דער מלך פון דער נאטור, די קרוין פונם באַשאף. ער האט געטאָן איין מצוה — און ער האט אריבערגעוואויגן זיך און די גאנצע וועלט לכף זכות — — —

די וועלט האט זיך ביי מיר פאָרגעשטעלט אין דער געשטאלט פון דער יידישער אומה. מחוץ פון איר האט גאָרנישט עקזיסטירט. סזענען, אמת, פאראן נאך אומות, די אומות

העולם, און יעדע אומה האט איר שר דאָרטן, אין דער פמליא של מעלה, און אוודאי האט דער רבונו של עולם אויך עפעס מיט זיי צו טאָן, אָבער לגבי יידן זענען זיי גאָרנישט מיט נישט, וואָרום זיי האָבן דאָך נישט קיין תורה און קיין מצוות און ממילא — קיין לעבן אויך נישט. אמת, זיי האָבן דאָרטן זייערע פארשיידענע „לשונות", און א סך פון די „גויים" פארגעמען זיך מיט חכמות, מיט חכמות חיצוניות, אָבער זיי זענען קיינמאָל נישט דערגאנגען, און זיי קענען נישט דערגיין צו יענער הכמה, וואס מיר געפינען, למשל, אין „מהר"ם שיף", אין „פני יהושע". דער „ערבי נחל" אָדער דער אלשיך, למשל, זענען דאָך בלויז מפרשים פון די פינף חומשים, — טאָ גיב א קוק זייער גרויסקייט: זיי נעמען און פרעגן הונדערט קשיות אויף איין פסוק, ברענגען דרייסיק מאמרי חז"ל, וואס האָבן אין פלוג קיין שום שייכות נישט מיט דעמדאָזיקן פסוק, ברענגען נאָך עטלעכע הקדמות און פלפולען זיך אָפּ עטלעכע זייטלעך ביז פון אלע קשיות בלייבט גאָרנישט. און דאס קרומע ווערט אויסגעגלייכט. געפינען זיך אין די נארישקייטן פון די „גויים" אזעלכע זאכן ?"

און אז איך פלעג איבערגיין פון דער „חכמה" צום אונטערשייד וואס צווישן די גויים און צווישן יידן אין גאָט־זאכן, פלעג איך מיך נישט ווילנדיק דערמאָנען אָן מיינע חברים, די יינגלעך, וועלכע טראכטן אויך נישט אריין אין אזעלכע זאכן. זיי זענען פארנומען מיט זייערע נארישע טו־עכצער, מיט די אומזיניקע שפילערייען, און איך... איך קלער נאָך וועגן מיין אויפפירונג, איך טראכט וועגן זין פון דער וועלט, איך קלער אריין אין מיין באשעפער, איך... איך... בכן, הייסט עס, אז איך האלט מיך גרויס ? אוי, שוטה, רשע, גראָבער יונג! דו האלטסט זיך גרויס אנטקעגן זיי ? דו ביסט דען בעסער פון זיי ? דו ביסט דען זיי נישט מקנא און דו ווערסט גאָרנישט געשטרויכלט מיט פארשיידענע זינדיקע

מחשבות? דו ביסט דען נישט פול מיט אלע שלעכטע מידות? און וואס האסטו אויפגעטאן? צו וועלכער מדרגה ביסטו דער־גאנגען? דו ביסט דאך ערגער פון זיי: זיי ווייסן נישט, זיי טוען עס נישט גערנווייליק, אבער דו ווייסט דאך יא ווענן לעבן פון יענע אלע פרומע לייט, די הייליקע און גרויסע — קענסטו זיך דען גלייכן צו זיי? שוין אפגערעדט ווענן די תנאים, אמוראים, און די גרויסע מענטשן וואס אין די מדרשים און אינם זוהר, נאר אפילו דער „אוהב ישראל", דער של״ה הקדוש אדער דער מחבר פון „יסוד ושורש העבודה"... אט דאס זענען צדיקים. . און דו... דו—ביסט גארנישט!

מיט דער גוואלדיקער גרויסקייטפון דידאזיקע צדיקים, די העלדן, האב איך באווויזן זיך צו באקענען אין דער פרייער צייט. ווען איך פלעג קומען אין בית־מדרש אריין א ביסל פארן דאווענען, פלעג איך ארייננקוקן אין ספרים. איך האב געוואוסט ווי גרויס עס איז די זינד פון ביטול־תורה. אלימלך מלוה, וועלכער איז דאן געווען איינער פון די אנ־געזעענע און חשובע יונגעלייט, פלעגט ליבהאבן מיך צו פאר־מאטערן מיט גימטריאות, מיט נוטריקון׳ס און פארשיידענע מראי־מקומות, וועלכע זענען געקומען א דאנק דרוקפעלערן אדער צו־ליבן פעלן פון שרייבצייכנס. ער פלעגט זיי אויסזוכן מיט גרויס טאלאנט און פלעגט זיי געפינען אין „חזקוני", אין „מאור עינים" אדער אין „טור ברקת".

ווען מיין גייסט האט זיך נישט צופרידנגעשטעלט, בעוונותינו הרבים, מיט די פארשיידענע לימודים, מיט וועלכע סהאבן מיך געשטאפט מיינע לערערס און רביים, מיטן גאנצן הארצן, — מיט „הלכות נדה ומקואות" וואס אין יורה־דעה, וואס סהאט מיך געלערנט ר׳ חנן־נתן, דער רב פון שטאט, — האב איך גענומען זוכן נאך ספרים. איך האב געלייענט אלץ, וואס ס׳איז מיר געקומען אין האנט אריין. אביי מיט רבא׳ן דאס איז א באזונדערע זאך; דאס איז א וודאי דער עיקר; דאס איז

אַ וודאי דער עיקר; דאס איז די תורה, וואס שוואַכט אָפּ דעם מענטשנס כּוח מיט איר שווערקייט; זיי דאַרף מען פאַרשטיין מיט אַ טיפקייט שבטיפקייט; מיין חוב איז זיי צו חזרן אָן אַן אויפהער; ביי זיי טאָר איך מיך נישט אָפּנאַרן, — אַ חטא, וואס איך האָב צום באַדויערן, ביי מיר אַנטדעקט, אז צייטנווייז היפּער איך אַריבער אַ סך ווערטער מיט איין מאָל און איך קוק מיך נישט גוט איין אויף דעם אָדער אנדער פּינטעלע: אַרויסנאַרן זיך פון זיי אָדער אינגאַנצן זיי פאַרלאָזן — איז נישטאָ קיין גרעסערע שאַנדע דערפון; אָבער „דברי אַגדה": מדרש, „עין־יעקב", „ראשית חכמה", „שבט מוסר", „מנורת המאור", „שם הגדולים", די מפרשים פון דער תורה און אַלע ספרים ווי, למשל, „בחינת עולם", „מוסר השכל" א. א. וו. וועלכע איך האָב געפונען אין ר׳ ברוכ׳ס, עליו־השלום, ירושה און אין אונזער בית־מדרש און וואָס איצט האָב איך שוין אפילו זייער נאָמען פאַרגעסן, — דאָס אַלץ איז אַ באַזונדער זאַך.

יאָ, מיין אויפגערודערטער גייסט האט געזוכט, געשטרעבט, געוואַרט אויף עפּעס, ער האָט זיך אומבאַוואוסטזיניק באַטייליקט אין דער צרה פון דער שלעכטער, פאַרגייענדיקער וועלט, וועלכע איז פול מיט נאַרישקייטן און וועלכע וואַרט אויף משיחן און אויף דער גאולה. איך האָב געוואוסט, אַז דאָס לעבן איז ווי אַ לאַנגער קאַמף, אז עס פאַרלאַנגט אויסבעסערונג, לייטערונג און אומקערונג צום מקור, ס׳הייסט, ביטול היש; איך האָב אויך אַ גאָט פאַרמאָגט, אַ קלאָרן און פעסטן גאָט, מיט וועלכן איך האָב געהאַט געוויסע חשבונות, געוויסע זאַכן — און איך האָב אים אַרומגעזוכט. לעבן האָב איך געזוכט, לעבן און גאָט.

נישט איינמאָל האט זיך אויף מיר אויסגעגאָסן מיין טאַטנס צאָרן צוליב מיין „געמיינער געוואוינהייט" אַרומצוקריכן אַרום די אָרימעלייט, וועלכע פלעגן קומען אין די

שטעטלעך מיט פעקלעך ספרים און מעשיות אויף העברעאיש און זשאַרגאָניש, ווען זיי פלעגן אויסשפּרייטן זייער סחורה אויפן טיש, וואָס לעבן בית־מדרש־אויוון. אַלע זיינע אָנרייסנס ביי די אויערן און די שטויסן אין פלייצע האָבן מיך נישט אָפּגעריסן פון יענע קופּעס דערציילונגען, מיט וועלכע איך האָב מיך אייגנטלעך געשעמט צו עוסקן, איך פלעג מיך באַשולדיקן פאַרוואָס איך גיב זיך אָפּ מיט נאַרישקייטן און נישט ערנסטע זאַכן, און גלייכצייטיק פלעג איך זיך שעצן גליקלעך, ווען ספלעגט זיך ביי מיר געפינען — עפּעס אַ צופאַל — אַ קופּערנער גראָשן צו באַצאָלן דעם מוכר־ספרים לייענגעלט. די איבעריקע טעג פלעג איך בלויז שטיין און קוקן אויף מיין האַרץ־באַגער מיט אַ סך בענקשאַפט און מיט דעם ווייטיקדיקן באַוואוסטזיין, אַז מיין גליק איז נישט ביי מיר אין די הענט. אויך די קליינע דערציילונגען פון שמ״רן און זיינע „תלמידים״: „המנס מפּלה״, „געלט פאַר פּעטש״, „דער ישיבה־בחור״ און נאָך אַ סך אַזוינע, פלעגן מיר דערקוויקן דאָס האַרץ. סאיז איינמאָל אפילו דער־גאַנגען דערצו, אַז איך האָב נישט צוגעגרייט דעם שיעור! סאיז מיר אונטערגעקומען די מעשה מיט שבתי־צבי ימח שמו. ר׳ חנן־נתן האט גאָרנישט געוואוסט פון אַלע מיינע יסורים צו־ליבן בראָך פונם „פאַרשטויסענעם הירש״ און צוליב דעם, וואס די זאַך איז נישט געלונגען, און ער האט בשום אופן נישט פאַרשטאַנען ווי האָב איך פאַרגעסן צו פאַרענדיקן די סוגיה (כ׳האב דאמאָלס געלערנט מסכתא כתובות), וועלכע האט אַזעלכע טייערע „מהר״ם שיף״ן און וועלכע איז נוגע די הלכה פון יורה־דעה, וואס מיר האָבן יענעם טאָג געלערנט, צוליב אַ נאַרישער מעשה. אַ בחור אַ בר־דעת!..